# ווי ווער לאַכט

אַז מע דערציילט אַ מעשׂה אַ פּויער, לאַכט ער דריַי מאָל. דעם ערשטן מאָל לאַכט ער ווען מען דערציילט אים די מעשׂה, דעם צווייטן מאָל ווען מען דערקלערט אים, און דעם דריטן מאָל ווען ער פֿאַרשטייט די מעשׂה.

אַ פּריץ לאַכט צוויי מאָל. איין מאָל לאַכט ער, ווען מען דערציילט אים און אַ צווייטן מאָל, ווען מען דערקלערט אים, וואָרעם פֿאַרשטיין פֿאַרשטייט ער זי סײַ-ווי-סײַ ניט.

אַן אָפֿיציר לאַכט נאָר איין מאָל, בשעת מע דערציילט אים, וואָרעם דערקלערן לאָזט ער זיך ניט, און פֿאַרשטיין פֿאַרשטייט ער ניט.

אַ ייִד אַז מע דערציילט אים אַ מעשׂה, מאַכט ער: "ווייס איך וואָס! אַלטע מעשׂיות!", און ער קען די מעשׂה בעסער דערציילן.